שטענדיג געדענקען, אז נאך „שבירה" מוז קומען „יצירה". אין אנדערע ווערטער וועט עס מיינען, אז אויף די בערג אש פון חורבן דארף באלד אויפגעשטעלט ווערען דער צוקונפטיגער נייער פרעכטיגער בנין.

אידען אין זייער לאנגער גלות געשיכטע האבען שטענדיג מיט די זעלבע שטיינער פון חורבן באלד געלייגט דעם יסוד פאר'ן נייעם בנין.

און עס דערמאנט זיך מיר א שטעל אין דער „איגרת דרבנו שרירא גאון," וואו דער גאון זאגט: „אז ווען די אידען זיינען פארטריבען געווארען פון ארץ ישראל אין דעם ערשטען חורבן (גלות יכניה החרש והמסגר) האבען די אידען, צווישען זיי, אויך נביאים, מיטגענומען שטיינער פון חרוב'ען בית המקדש און האבען מיט זיי געבויט א שול אין נהרדעא, אין בבל. (דאס איז די בארימטע שטאט נהרדעא, וועלכע האט שפעטער געשפ'ט מיט איר ישיבה, וואו ס'איז געשאפען געווארען דער תלמוד בבלי). און רבנו שרירא גאון זאגט ווייטער: „כלומר: שנסע בית המקדש וישב כאן והוות שכינת עמהון", וואס עס מיינט: אז דער בית המקדש האט זיך צייטווייליג אריבערגעצויגען אויף א צווייטען פלאץ און די שכינה איז געווען מיט זיי (זעה אגרת דרבנו שרירא גאון, חלק ג', פרק א').

און איצט ווילען מיר זיך אומקערן צו הרב סאלאווייטשיק'ס אנדערע צוויי אידעען.

אויסער וואס דער מענש דארף וויסען און געדענקען, אז נאך „שבירת הכלים", נאך חורבן, דארף קומען „בנין", באמערקט הרב סאלאווייטשיק, אז דער מענש דארף אין דער צייט פון בנין, אין דער צייט פון שמחה, אויך געדענקען אין „שבירת הכלים". אין די גוטע צייטען דארף ער אויך זיך דערמאנען אין די אמאליגע שלעכטע צייטען. קלארער געזאגט, מיינט עס: אז אין צייטען פון שמחה דארף א מענש געדענקען די צייט פון אבלות פונקט ווי אין צייט אבלות דארף שוין דער מענש זעהן די צוקונפטיגע שמחה (ביום שחרב בית המקדש נולד הגואל, אין טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארען איז געבארען געווארען משיח).

דאס איז א יסוד אין אידישקייט.

אט דעם יסוד האט הרב סאלאווייטשיק באצייכענט מיט דעם טערמין פון „מיזוג המדות".

און הרב סאלאווייטשיק האט ווייטער געוועבט זיינע פילאזאפישע געדאנקען:

די תורה אליין, זעצט פאר רבי יוסף בער, אנטהאלט און לערענט דעם מענש אט דעם פרינציפ פון „מיזוג המדות", וועלכער באשטעהט פון „חסד" און „דין". „חסד" מיינט גוטסקייט און „דין" מיינט שטראף. די זעלבע תורה, וועלכע לערענט דעם מענש צו טאן גוטס לערענט אויך גלייכצייטיג, אז פאר זינד דארף דער זינדיגער באשטראפט ווערען. און אויב רעפארם ראבאים זינגען זיך פאנאנדער, אז די תורה איז פול בלויז מיט חסד און רחמים, האט הרב סאלאווייטשיק אויסגערופען: איז עס א שקר! די תורה רעפרעזענטירט ביידע: „חסד" און „דין". די זעלבע תורה, וועלכע האט אנגעזאגט „ואהבת לרעך כמוך", זאלסט ליב האבען דיין פריינט ווי זיך אליין,

... איום תשעה באב. דער א' פון א"ת מיינט דער ערשטער טאג פסח און דער ת' פון א"ת מיינט תשעה באב. אין דעם פרינציפ פון א"ת ב"ש, האט ר' יוסף בער באמערקט, ליגט שוין א רמז, אן אנדייטונג, אז ווען א איד זיצט פסח ביים סדר, דארף ער גלייכצייטיג דערמאנען אין דער „שבירת הכלים", אין דעם חורבן פון בית המקדש אין תשעה־באב. אין דעם טאג פון דער אידישער גרויסער נאציאנאלער פייערונג, דארף דער איד אויך ניט פארגעסען דעם נאציאנאלען טאג פון טרויער.

און דאס גלייכען איז מיט תשעה־באב. תשעה באב אין דער פרי לייגט מען ניט קיין תפילין (א סימן פון טרויער) און מען זאגט ניט די „ברכת כהנים", וועלכע דערמאנט אין דעם בית המקדש (כהנים בעבודתם). אבער צו מנחה, א ביסל שפעטער, לייגט מען שוין תפילין און מען זאגט די „ברכת כהנים", וועלכע דערמאנען שמחה. תשעה באב, זאגען שוין חז"ל אליין, איז א יום טוב (תשעה באב אקרי מועד, שנאמר: קרא עלי מועד).

דאס איז די שטעלונג פון יהדות. אידען דארפען שטענדיג געדענקען ביידע: שמחה און טרויער, גליק און טראגעדיע. און נאך מער האט הרב סאלאווייטשיק געזאגט: אז כדי א מענש זאל דערגרייכען גרויסקייט אין לעבען מוז ער גאר דורכגיין פריער די טראגיג פון „שבירת הכלים". בארימטע מענשען אין דער וועלט האבען דערגרייכט די הויכקייטען ערשט נאכדעם ווי זיי האבען דורכגעמאכט די טראגיק פון לעבען. די „טראגיק" זייערע האט זיי ערשט איבערגעבויט, איבערגעשאפען, און געמאכט פון זיי א העכערען סארט מענש, אז מענש פון ריינעם גייסט. און אין ליכט פון דעם געדאנק האט הרב סאלאווייטשיק דערמאנט א גרויסע ליסטע פון אידישע בארימטקייטען אנפאנגענדיג פון אברהם אבינו ביז צו די גרעסטע מענשען פון די שפעטערע דורות. און ר' יוסף בער האט אויסגערופען:

אברהם אבינו איז גרויס געווארען ערשט נאכדעם ווי ער האט

ווען ארײנצוקומען קיין ארץ ישראל ...

האט אזוי פיל זיך מוסר נפש ... ווען פאר אידען, האט אזוי פיל ליידען געליטען פון די אידען און צוליב די אידען. און פונדעסטוועגען האט משה רבינו ניט געמאנט קיין „קרעדיט" ביי גאט אין זיין בארימטער תפילה פון „ואתחנן". ער האט בלויז געבעטען תחנונים, רחמנות, גאט זאל אים שענקען די מתנה פון ארײנקומען קיין ארץ ישראל. (תחנונים ידבר רש. זה משה רבנו, זאגט דער מדרש, ועשיר יענה עזות, זה הקב"ה).

אנערקענען חסד איז א גרויסער און וויכטיגער פרינציפ פון אידישקייט. און דאס איז אייגענטליך דער גרונט געדאנק פון די תפילות וואס א איד דאווענט דריי מאל א טאג. עס איז די אנערקענונג פון געטליכען חסד. און די פליכט פון אידען איז דאנקבאר צו זיין ביי נאכט, ווען ס'איז פינסטער, ווען דאס לעבען איז איינגעוויקעלט אין שאטענס, פונקט אזוי ווי ער דארף דאנקבאר זיין אין ליכטיגען פרימארגען (להגיד בבקר חסדך ואמונתך בלילות).

אט דער באוואוסטזיין פון אנערקענען חסד, האט הרב סאלאווייטשיק אויסגעפירט, וועט העלפען דעם מענשען דורכלעבען די שווערע פעריאדע פון „שבירת הכלים", די פעריאדע פון טראגיזם. און ערשט דאן וועט דער מענש קענען דערגרייכען צו דער מדרגה פון יצירה, צו דעם שטאפעל פון שאפען גרויסע גייסטיגע ווערטען. די רעסטרוקטיווע ערשיינונגען פון דער נאטור וועלען דאן פארשווינדען, און די „תולדין דתוהו ובוהו" וועלען דאן פארוואנדעלט ווערען אין א ברכה פאר דער גאנצער מענשהייט.

עס וועט זיין א וועלט פון כולו טוב.

פליט מיט צוזרוי צו פאמיליע אדער פאר ביזנעס ...